## קאַפּיטל זיבן און צוואַנציק

1 און ווי עס איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז מיר זאָלן
זיך אַוועקשיפֿן קיין איטאַליען, האָט מען איבער־
געגעבן פּױלוסן מיט אייניקע אַנדערע געפֿאַנגענע
צו אַן אָפֿיציר, מיטן נאָמען יוליוס, פֿון דער קיסר־
2 לעכער אָפּטיילונג. און נאָכן איינשטייגן אויף אַ
שיף פֿון אַדראַמיציום, וועלכע האָט געזאָלט גיין
צו די מקומות פֿון די (קליין) אַזיאַטישע ים־ברעגעס,
זענען מיר אָפּגעפֿאָרן, און מיט אונדז איז געווען
אַריסטאַרכוס, אַ מאַצעדאָניער פֿון טעסאַלאָניקאַ.
3 און דעם אַנדערן טאָג זענען מיר אָנגעקומען קיין
צידון; און יוליוס האָט זיך באַצויגן מענטשלעך
צו פּױלוסן, און אים דערלויבט צו גיין צו זײַנע
4 פֿרײַנט, כּדי צו קומען צו זיך. און פֿון דאָרטן
זענען מיר אַוועק און זיך פֿאַרבײַגעשיפֿט (די
אינזל) ציפּערן, צוליב דעם, וואָס די ווינטן זענען
5 געווען קעגן אונדז. און אַריבערפֿאָרנדיק דעם ים
בײַ ציליציען און פּאַמפֿיליען, זענען מיר געקומען
6 קיין מיראַ אין ליציען. און דאָרטן האָט דער אָפֿיציר
געפֿונען אַן אַלעקסאַנדריַנישע שיף, וואָס איז געפֿאָרן
קיין איטאַליען, און האָט אונדז אַרויפֿגעזעצט אויף
7 דער דאָזיקער. און במשך פֿון אַ סך טעג זענען מיר
געפֿאָרן פּאַמעלעך און זענען קוים אָנגעקומען קיין
קנידוס, און ווײַל דער ווינט האָט אונדז נישט
דערלאָזט, זענען מיר געפֿאָרן פֿאַרבײַ דער (אינזל)
8 קרעטאַ, אַנטקעגנאיבער סאַלמאָנע; און פֿאָרנדיק
מיט מי בײַם ים־ברעג, זענען מיר געקומען צו אַן
אָרט, וואָס האָט געהייסן שיינער האַפֿן נאָענט פֿון
דער שטאָט לאַזעאַ.